ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

כ"ו חשון תשס"ז

פרשת חיי שרה

**קינדער, די דאזיגע אויסגאבע פון דער צייטונג איז די ערשטע פון אונזער דריטען יאר!! מזל טוב!**

טייערע קינדער שלוחים,

די גאסן טאנצן! די גאסן פון קראון-הייטס טאנצן און זינגען "ברוך הבא" צו אלע שלוחים וואס זיינען געקומען אהיים אויף א שבת. אזא שמחה, אלע שלוחים צוזאמען קומען צו פארן צום רבי'ן!

קינדער, דער רבי האט אלעמאל געהאט אזויפיל נחת פון דעם כינוס און זיך פאראינטערעסירט אין אלע איינצעלהייטן פון דעם כינוס. דער רבי האט געזאגט אז דער כינוס איז אויך שייך צו אים, ווייל אויך ער – דער רבי – איז א שליח פון דעם פריערדיקן רבי'ן.

דער רבי האט געזאגט אז די עיקר מטרה פון דעם כינוס השלוחים דארף זיין – צו פארשטארקן און נאך מער פארשפרייטן אהבת ואחדות ישראל.

עס איז קיין חילוק ניט פון וואנעט איר קומט, אמעריקא, רוסלאנד, אירופא, ארץ ישראל, אדער פון אן אנדער ווינקעל פון דער וועלט; איר קומט צוזאמען ווי ברידער!

און ווען איר וועט צוריק אהיים פארן פון'ם כינוס, וועט איר מיטנעמען מיט זיך דעם חיות וואס קומט פון וויסן אז נאך אזוי פיל חסידים זיינען אויף שליחות, און איר זייט ניט אליין! אונזער הייליגער טאטע- דער רבי, און אלע ברידער און שוועסטער – די אנדערע שלוחים, וועלן צוריק פארן מיט אייך!

לאמיר האפן אז נאך פאר ראש חודש כסלו וועט מען זען דעם רבי'ן ווי ער וועט אונז פירן – אלע שלוחים און אלע אידן אין ארץ ישראל. ווי שטאלץ וועט איר דעמאלט זיין אז איר האט געהאלפן ברענגן משיח נאו!

א. וועכטער

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
**בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה



## לעבן מיט דער צייט

## פרשת חיי שרה

בנוגע צו שרה און רבקה דערציילן חז"ל אז די שבת ליכט וואס זיי האבן אנגעצונדען, האבן געברענט און געלויכטן "מערב שבת לערב שבת" - א גאנצע וואך.

און וויבאלד אז די שבת ליכט פון שרה און רבקה אמנו האבן געברענט א גאנצע וואך "מערב שבת לערב שבת" איז דערפון פארשטאנדיק, אז ענליך דערצו איז ביי יעדער אידישע פרוי און מיידל וואס צינדט שבת ליכט, אז כאטש אפילו די ליכט ברענען נישט א גאנצע וואך בגשמיות.

ברענגען זיי אבער אריין אין שטוב א רוחניותדיקע ליכטיקייט אויף דער גאנצער וואך. וואס די ליכט באלייכט די אויפפירונג אין שטוב עס זאל זיין לויט די אנווייזונגען פון "נר מצוה ותורה אור". יעדער אידיש מיידל האט דער טיטול פון בת שרה רבקה רחל ולאה.

יעדער מיידל ברענגט אריין הייליגע ליכטיקייט אין די גאנצע הויז צוזאמען מיט איר צוטער און איר עלטערע שוועסטער נאך מער, דער מנהג איז אז די מיידלאך צינדן ליכט נאך פור דער מוטער. קומט איוס, אז די קליינע מיידעלאך זיינען די ערשטע צו אריינברענגען די ליכטיקייט פון נרות שבת קודש אין דער שטוב. אויך נאך דעם ווי די מאמע און עלטערע שוועסטער צינדן ליכט, בלייבבט ביי איך דער זכות צו זיין די ערשטע צו אריינברענגען די ליכטיקייט פון נרות שבת קודש אין דער שטוב. אויך נאך דעם ווי די מאמע און עלטערע שוועסטער צינדען ליכט, בלייבט ביי איך דער זכות צו זיין די ערשטע צו אריינברענגען די ליכטיקייט פון נר מצוה אין שטוב! און דאס גרייט אייך צו אז ווען איר וועט איסוואקסן און וועט חתונה האבן, זאלט איר איוך ליכטיג, מאכן אייערע אייגענע הויז אלס עקרת הבית) דער בעל הבית'טע פון הויז).

און ווען איר וועט געבענשט ווערן מיט קינדער, און צווישן זיי איוך טעכטער זואלט איר ערציען זיי אז איוך זיי זאלן ליכטיג מוכן די הויז מיט אידישקייט, ביז אז די הויז וועט ווערן ליכטיג כפשוטה.

און דוך דערויף - ליכטיג מאכן די גאנצע וועלט!!

*(פון "דער רבי רעדט צו קינדער")*

# דער חסידיש'ער לוח



*כסלו איז א חסידי'שער חודש. ער איז פול מיט חסידי'שע ימים טובים, נאך מער ווי אלע אנדערע חדשים! נעם ארויס א ביסל משקה און מאך א פארברענגן - לחיים!*

## שבת מברכים חודש כסלו
## כינוס השלוחים

קינדער, דאס איז אייער שבת! שבת מברכים חודש כסלו איז ווען שלוחים פון דער גאנצער וועלט קומען צוריק אהיים צו 770 פאר א ספעציעלן כינוס. במשך די טעג פון דעם כינוס גיבן די שלוחים איינער דעם אנדערן עצות אין זייערע שליחות און א חיות און חיזוק איז זייערע הייליגער עבודה. דער רבי פלעגט יעדעס יאר רעדן צו די שלוחים אין דער ספעציעלער געלעגנהייט.

לאמיר האפן אז אויך דעם יאר זאלן מיר זוכה זיין צו הערן א שיחה פון רבי'ן!

## ראש חודש כסלו



איך דער וואך'ס לוח האבן מיר דעם פרייליכן טאג פון ראש חודש כסלו. די שמחה בשעת די הקפות פון שמיני עצרת ביינאכט תשל"ח האט מען געקענט אנטאפן מיט די הענט. נאר א קליינע זארג האט זיך אריינגע'גנב'ט אין די הערצער פון די חסידים. דער רבי האט ניט אויסגעזען אזוי געזונט ביי די הקפות, און האט זיך אפילו אין מיטן אוועקגעזעצט. פלוצלונג האבן עטליכע חסידים אנגעהויבן צו שרייען: "דער רבי דארף האבן לופט! אלע זאלן ארויסגיין פון שול!"

באלד האבן שוין אלע געוואוסט אז דער רבי האט געכאפט א הארץ – אטאק.

דער רבי איז פינף וואכן געבליבן אין זיין אפיס אין 770, ביז ער איז געווען גענוג שטארק אהיים צו גיין. דער רבי האט ניט געוואלט גיין אין שפיטאל. דעריבער האט מען געבראכט דאקטערס און אלע נויטיגע זאכן צו זיין אפיס – 770 איז געווארן א קליינער שפיטאל. דער רבי האט געשיקט א הוראה צו אלע חסידים אז זיי זאלן זיין פרייליך, און דורך זייער שמחה וועט ער צוריקומען צו זיין געזונט.

ראש חודש כסלו, ווען מען האט געהערט אז דער רבי איז גענוג שטארק אהיים צו גיין האט מען געטאנצט און געזונגען אין די גאסן! מען האט געמאכט דעם טאג אלס א חסידי'שער יום טוב, און מען האט געמאכט א ניגון - דער ראש חודש כסלו ניגון!

לאמיר דאווענען אז דעם ראש חודש כסלו זאל מען קענען נאכאמאל טאנצן און זינגען מיט אונזער רבי'ן אין ירושלים!

## ב׳ כסלו

נאך דעם וואס חסידים האבן געוואונען דעם משפט איבער די ספרים אין דעם טאג פון ה׳ טבת תשמ"ז, זיינען די ספרים ענדליך צוריקגעבראכט געווארן צו 770 אויף ב׳ כסלו תשמ"ח. דער רבי האט געזאגט אז די אמת'ע גאולה פון די ספרים איז ווען מען לערנט אין זיי!

h

### <u>כינוס השלוחים</u>

דער טאטע פרייט זיך זייער,
זיינע קינדער קומען אהיים!
זיי קומען צו אים און זען אז –
זיי זיינען קיינמאל ניט אליין!

ווייט אויף שליחות דארף מען וויסן
מען איז ווייט נאר אין ארט,
אין אמת'ן, זאגט דער רבי,
זיינען זיינע שלוחים זייער נאנט!

ווייל וואו נאר מען גייט
קומט דער רבי צו גיין,
ער העלפט און גיסט זיינע ברכות
אין יעדער זאך גרויס און קליין!




די איינציקע זאך וואס איז איצטער געבליבן אין דער עבודת השליחות איז: צו מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש, בכדי ער זאל קענען מקיים זיין זיין שליחות און ארויסנעמען אלע אידן פון גלות!

וויבאלד אז מ'האט שוין פארענדיקט די עבודת השליחות, קומט צוגיין יעדער שליח צו דער אמת'ער משלח– דער אויבערשטער, און איז מודיע, "איך האב געטאן מיין שליחות, און איצטער איז געקומען די צייט אז דו כביכול זאלסט טאן דיין שליחות - שיק אונז משיח צדקנו בפועל ממש!"

*פון די הייליגע שיחה פון רבי'ן - פרשת חיי שרה תשנ"ב*

# דערציילט מיר א מעשה



עס איז געווען פרייטאג נאכמיטאג, און דער ליובאוויטשער בחור האט אנגעהויבן גיין שנעלער. שבת קומט שוין באלד אן, און ער דארף נאך לייגן תפילין מיט עטליכע אידן.

ווען ער איז אריין געגאנגען אין א באקאנטן קראם, האט ער באמערקט אז עפעס האט זיך געביטן.

"פרעג ניט," האט דער בעל הבית געזאגט. "עס האט זיך געגאסן וואסער אין מיין קראם, און איך האב דערפון פארלוירן אסאך געלט. איך האב געשריבן א בריוו צום רבי'ן בעטן א ברכה פאר מיין געשעפט. ביטע ברענג דאס צום רבי'ן."

דער בחור האט מסכים געווען, און האט אריינגעבראכט דעם בריוו צום מזכירות. גלייך ווי ער האט באקומען דעם ענטפער האט ער אנגערופען זיין פריינט - דעם בעל הבית פון קראם. "דער רבי האט דיר אנגעזאגט זיין מער פארזיכטיג מיט שבת און יום טוב."

"וואס?" האט דער בעל הבית געזאגט, "איך היט שבת און יום טוב!"

דער בחור האט איבערגעגעבן צום רבי'ן דעם ענטפער פון דעם בעל הבית.

דער רבי האט געענטפערט, "ער זאל זיין פארזיכטיג מיט דעם זמן פון אנהויב פון שבת און יום טוב."

יענעם פרייטאג האט דער בחור איבערגעזאגט פארן בעל הבית די ווערטער פון רבי'ן. ער האט אים געוואלט העלפן צו פארשטיין דעם רבי'נס ווערטער, האט ער געפרעגט דעם אידן וואס ער טוט פרייטאג ביינאכט.

"איך זאג קידוש און איך האב א סעודה."

"און ווען פארמאכסטו דיין קראם?"

"ארום זיבן אדער אכט אזייגער יעדען פרייטאג!"

"אהא!" זאגט דער בחור.

דער איד האט געוואסט וועגן שבת, ער האט געוואוסט אז מען מאכט קידוש, און מען האט א סעודה און אז מען קען ניט ארבעטן שבת, נאר ער האט ניט געוואוסט אז שבת הויבט זיך אן יעדע וואך אין אן אנדער צייט!

דורך די ווערטער פון רבי'ן - דורך זיין שליח, דער בחור - האט דער איד אנגעהויבן היטן שבת ווי עס דארף צו זיין. מען קען זיין זיכער אז ער האט אויך געזען א פארבעסערונג אין זיין מעב פון פרנסה!

## פרשת חיי שרה און שליחות

אין דעם וואך'ם פרשה שטייט וועגן דער ערשטע שליח פון תורה - אליעזר. ער איז געווען דער שליח פון אברהם אבינו צו געפינען א שידוך פאר יצחק.

דער תורה רופט אן אליעזר "זקן ביתו המושל בכל אשר לו" - דער עלטערע פון זיין שטוב וואס ער געוועלטיקט אויף אלס וואס ער האט. די חכמים ערקלערן אז אליעזר האט געוועלטירט איבער אברהם'ס רוחניות'דיקע זאכן - זיין תורה, און אויך זיינע גשמיות'דיקע זאכן. ווייל אליעזר איז געווען אן אמת'ע שליח – אינגאנצן איבערגעגעבן צו אברהם אבינו, האט אברהם געקענט אינגאנצן פארלאזן זיך אויף אים.

ווען דער רבי שיקט ארויס שלוחים, גיט ער זיי דעם כח זיין ווי אים - דער רבי. דער כח העלפט יעדער שליח אויפטאן זיין שליחות – איבערצונעמען די וועלט דורך פארשפרייטן אידישקייט און חסידות. און פונקט אזוי ווי אליעזר האט מצליח געווען אין זיין שליחות, האט יעדער חסיד דער צוזאג פון דער רבי אז אויב ער וועט זיך נאר אריינלייגן אין זיין שליחות, וועט ער זיכער מצליח זיין!

קינדער, איר זייט דעם וויכטיקסטן חלק פון אייערע עלטערן'ס שליחות. איר זייט די וואס באווייזן אלע מענטשן ארום אייך אז אידישקייט איז פאר אלעמען ניט נאר פאר עלטערע מענטשן. ווען זיי זען ווי איר פירט זיך מאכט דאס א גרויסע רושם אויף זיי. קינדער, איר, אלס די ילדי השלוחים, האבן די כחות פון דער רבי: דער רבי איז מיט אייך אין אלץ וואס איר טוט, און מאכט זיכער אז איר זאלט מצליח זיין אין אייערע שליחות.

# שבת מברכים
## ראש חודש



## שבת מברכים חודש כסלו

☐ איך האב געזאגט תהילים שבת אינדערפרי

☐ איך בין געגאנגען אין שול און איך האב געבענטשט דעם נייען חודש

## ראש חודש כסלו

דינסטאג– ל׳ חשון

מיטוואך - א׳ כסלו

☐ איך האב געזאגט "יעלה ויבא" אין שמונה עשרה און אין בענטשן

☐ איך האב געזאגט "הלל" נאך שמונה עשרה

☐ איך האב געדאווענט מוסף

☐ איך האב געזאגט "ברכי נפשי" נאך "שיר של יום"

☐ (מיידלאך) איך האב ניט גענייט אדער געוואשן קליידער.